# א גריס פון
# בית פיגא

פרשת תצוה

ט"ו אדר תשפ"א

יאר 1 גליון 15

## מעשיות פון תפילה

### פרי 1 עי - רחל לאה ראטה



איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל מיך פארשטעלן ווי א כלה און ש'כח אייבערשטער אז איך גיי זיך אי"ה פארשטעלן ווי א כלה!

### ערשטע קלאס - רויזעלע ראטענבערג



איך האב געהאפט פאר זייער לאנג, און נאכדעם האט מיך מיין פוס זייער שטארק וויי געטון, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל זיך שוין אויסהיילן און ש'כח אייבערשטער אז עס האט זיך אויסגעהיילט!

### צווייטע קלאס - פערעלע שווארץ





אונז האבן א פראגראם אין סקול, ווער עס דאווענט שיין קען מען ארײנלייגן ספרינקלס און א שטרוי, איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל שוין קענען אנפולן מיין שטרוי, און ש'כח אייבערשטער אז מיין שטרוי איז שוין אנגעפולט!

### פערדע קלאס - מרים מימאן



אין סקול האבן אונז געמאכט א ארטס און קרעפט לכבוד פורים, און איך האב נישט געקענט טרעפן מיין שערל, איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס טרעפן, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב עס גלייך נאכדעם געטראפן!

### עלטסטע קלאס - רחל וועבערמאן



איך האב זייער שטארק געוואלט האבן געסט פאר שבת, האב איך געבעטן די אייבערטשער און ש'כח אייבערשטער אז מיין שוועגערין איז געקומען פאר שבת, ש'כח אייבערשטער!

### בית פיגא ליבערטי - אסתי פריעדמאן

איך האב פארלוירן מיין קמיע פון מוהרא"ש, און איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס טרעפן און ש'כח אייבערשעטר אז איך האב עס געטראפן!

## נייעס אין בית פיגא

~אין ערשטע קלאס פון וויליאמסבורג, שרייבן די מאמעס הערליכע שיינע מצוה צעטלעך, און מען הענגט עס אויף די וואנט פון די קלאס, די וואנט איז שיין באצירט מיט אלע שיינע מצוה וואס די מיידלעך טוען!

~די וואך איז פארגעקומען די חתונה פון בריינדי לונגער (פרישאנאווסקי) אין ישיבה, עס איז געווען גאר א פרייליכע חתונה מען האט שיין געטאנצן און זיך געפרייט מיט די שמחה. מען האלט שוין ביי די 21סטע חתונה אין ישיבה! עס איז הערליך שיין און עס פעלט גארנישט ביי די חתונות, נאר איין זאך פעלט, "חובות". דאס אלעס קומט זיך א גרויסע דאנק פאר דעם חשובע ראש ישיבה שליט"א, און פאר די געטרייע לערערינס, וואס לייגן דאס אריין און די מיידלעך פון ווען מען איז נאך קליין, און די מיידלעך וואקסן אויף און זיי דארפן "גארנישט", זיי דארפן נאר איין זאך זייער חתן.

מזל טוב

בית פיגא וואונטשט א הארציגע מזל טוב פאר:

**בריינדי לונגער**

(פרישאנאווסקי)

צו איר חתונה!

# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך

**לכבוד די תלמידות וואס לערנען ביי מרת ... שתחיו.**

איך האב זייער הנאה צו הערן פון אייער טיטשער אז איר פירט זיך אויף ערוואקסן (מעטשאר) און איר האלט מיט די לימודים וואס מען לערנט אין אייער כתה.

נאך מער בין איך צופרידן צו הערן אז רוב מיידלעך ביי אייך אין כתה פירן זיך אויף אויסנאם דרך ארץ'דיג. זיי קוקן אויף די טיטשער מיט הכנעה, און ווען עס קומט דער זמן הלימוד זיצט מען מיט דרך ארץ, מען ווארט אז די טיטשער זאל שוין קומען. און ווען די טיטשער קומט אריין אין כיתה איז מען שטיל, מען רעדט נישט אינמיטן לערנען נאר מען בעט רשות פאר מען וויל עפעס פרעגן; מען הייבט אויף די האנט פרעגן צי מען קען ארויס גיין טרינקען, וכדומה.

אין די זעלבע צייט הער איך אבער אז נישט אלע מיידלעך זענען אזוי ערוואקסן און זיי פארשטייען נישט אז א טיטשער איז נישט קיין חברט'ע, און זיי פירן זיך נישט אויף ווי א תלמידה פון 'בית פיגא', זיי געבן די הרגשה כאילו זיי זענען מער פון די טיטשער; דאס טוט מיר זייער וויי. ווייל איך האב געעפנט די סקול מיט גרויס מסירות נפש און איך פיר דאס מיט גרויס פלאג און מי; קיינער ווייסט נישט וואס גייט אריבער מיט די מוסדות, נאר דער אייבערשטער ווייסט, און אז איך הער אז עס זענען דא מיידלעך וואס פירן זיך אויף נישט דערוואקסן טוט דאס מיר זייער וויי.

איר ווייסט וואס מוהרא"ש פלעגט שטענדיג זאגן פאר עלטערן וואס זענען געקומען זיך שואל עצה זיין וועם צו נעמען פאר אן איידעם? מוהרא"ש פלעגט זאגן אז **מען זאל קוקן אויף גוטע מידות; א בחור וואס האט גוטע מידות און פירט זיך מיט דרך ארץ - דער איז א גוטער בחור**, און אז נישט זאל מען אוועק שטיין פון אזא איינעם.

דאס זעלבע זאג איך אייך, נאך אביסל שטייט עטץ ביי שידוכים, זאלט איר וויסן אז אויב איר וועט זיך פירן ערוואקסן (מעטשאר) צו אלע אייערע טיטשערס וועט איר זיך מאכן א גוטע נאמען און איר וועט זוכה זיין צו טרעפן א גוטער בחור וואס איז אויך ערוואקסן און פירט זיך מיט דרך ארץ. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה ב.): "אֵין מְזַוְּגִין לוֹ לְאָדָם אִשָּׁה אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו", דער אייבערשטער מאכט שידוכים לויט ווי אזוי דער מענטש איז, ווייל (מכות י:): "בַּדֶּרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ, בָּהּ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ", אויף דעם וועג וואס א מענטש וויל גיין, אויף דעם וועג פירט מען אים.

ווידעראום אז איר וועט ווייטער בלייבן קינד'יש וועט איר טרעפן א בחור א קינד, און איר וועט זיך א גאנץ לעבן קענען פארמעסטן ווער עס קען זיין מער קינד'יש (אומעטשאר).

**איך האף צו הערן פון אייערע טיטשערס אז אלע קינדער פון די כתה זענען תלמידות פון בית פיגא.**

# א מעשה פון א צדיקת

אסתר איז געווען איין מיידל צווישן טויזענטער מיידלעך וועלכע זענען געווען אין אחשורוש׳ס פאלאץ. מען האט זיי אלעס געגעבן, וואס זיי האבן נאר געוואלט, יעדע נייע קלייד, יעדע נייע סטייל, וואס זיי האבן נאר געבעטן האבן זיי באקומען. אבער אסתר האט גארנישט געוואלט, זי האט נאר געזוכט צו זיין איידל און באהאלטן, און טאקע וועגן דעם האט מען איר אזוי שטארק ליב געהאט, ווייל צניעות מאכט מען זאל האבן חן, און דאס איז באמת די שיינקייט פון א אידישע מיידל!

ווען אסתר איז געווארן די קעניגן איז זי בכלל נישט געווען פרייליך, ווייל זי איז געווען געצוואונגען צו חתונה האבן מיט א גוי. דאך האט זי געוואוסט אז דער אייבערשטער איז דארט און זי האט זיך נישט פארלוירן פאר קיין איין רגע נאר ווייטער גערעדט צו די אייבערשטער. זי האט זיך אויפגעפירט בצניעות, פונקט אזויווי זי האט זיך געפירט אין מרדכי׳ס הויז.

אסתר האט געהאט א שטארקע אמונת צדיקים, און אלעס געפאלגט מרדכי הצדיק. ערשט האט ער איר געהייסן צו באהאלטן פון אחשורוש אז זי איז א איד, און זי האט געפאלגט אן קיין קשיות. שפעטער איז געקומען זייער א שווערע נסיון פאר אסתר. מרדכי הצדיק האט איר געהייסן גיין צו אחשורוש און בעטן ער זאל רחמנות האבן און ראטעווען אלע אידן. עס איז געווען זייער א גרויסע סכנה פאר איר צו גיין, ווייל עס האט אויסגעזען אוממעגליך אז עס זאל ארויסקומען דערפון גוטס. אויב עפעס פונקט פארקערט, אחשורוש קען איר גאר הרג׳נען, ווייל ער האט איר שוין נישט גערופן פאר 30 טעג, און ער איז געווען אין א שלעכטע גוסטע.

אבער זי האט געזאגט, "איך ווארף אוועק מיין שכל און איך וועל טון וואס מרדכי האט מיך געהייסן", און זי איז געגאנגען צו אחשורוש.

ווען אסתר המלכה איז אריין צו אחשורוש, איז זי געווען זייער דערשראקן און איר רוח הקודש איז אוועק פון איר. אחשורוש האט איר ערשט נישט אנגעקוקט און מען האט איר כמעט גע׳הרג׳ט. דעמאלטס האט זי געבעטן די אייבערשטער "באשעפער העלף מיך, איך האב נישט קיינעם! איך בין דא אליינס אין אחשורוש׳ס פאלאץ צווישן גויים! איך בין אין א גרויסע סכנה, ראטעוועט מיך!" דער אייבערשטער האט געמאכט א נס, און אחשורוש האט איר אויסגעשטרעקט זיין שטעקן. ער האט מסכים געווען צו קומען צו איר סעודה, און ביי די סעודה האט אסתר גע׳פועל׳ט ביי די קעניג צו ראטעווען אלע אידן.



**דערפאר האבן מיר די פרייליכע יום טוב פורים, צו געדענקען און דאנקען דעם אייבערשטער פאר די גרויסע נס! אין וועמענ׳ס זכות איז געקומען די גאנצע נס? אין זכות פון די צדיקת אסתר המלכה, וועלכע האט זיך געפירט מיט צניעות. זי האט געפאלגט א צדיק און נישט אויפגעהערט צו רעדן צו דער אייבערשטער אפילו ווען זי איז געווען אין די נידריגסטע פלאץ. לאמיר זיך אפלערנען פון אסתר המלכה זיך נישט צו שעמען מיט אונזער צניעות, נאר פארקערט צו זיין שטאלץ אויסצוזעהן איידל. אויך לאמיר זיך אויסלערנען צו בעטן דעם אייבערשטער מיר זאלן אייביג פאלגן א צדיק, און אלעמאל רעדן צו דער אייבערשטער נישט קיין חילוק אין וועלכע מצב מיר זענען, וועלן מיר אויך קענען ווערן אזא צדיקת, פונקט ווי אסתר המלכה!**

# פון אונזערע לערערינס...

טייערע... תחי׳

איך האב זיך זייער געפרייט צו באקומען דיין בריוו. עס איז א מחי׳ צו הערן פון דיר ווי דו לעבסט און ביסט זיך מחי׳ מיט די עצות פון די הייליגע רבי.

דו שרייבסט אז דיין גאנצע לעבן האט זיך געטוישט און דו ביסט געווארן א בעסערע מיידל און אלע הינזיכטן. דאס איז אוודאי אמת און יעדער אנערקענט אז דו ביסט נישט די זעלבע מיידל ווי פריער. דו מאכסט א מורא׳דיגע קידוש ה׳, אזוי ווייט, אז איינער האט מיך געזאגט אז זי איז נישט ״ברסלב״, אבער דו מאכסט איר ווערן ברסלב ווייל זי זעהט ממש מיט די אייגענע אויגן ווי דו ביסט געווארן אזא נייע מענטש; פריילך, ערליך און צניעות׳דיג, זייט דו ביסט אריין אין בית פיגא.

נאר איינער קען נישט דערליידן דיך צו זעהן אזוי, דער יצר הרע׳ס אויגן פלאצן פון זעהן ווי א מיידל איז געווארן אזוי ערליך און וואויל, און זי האט זיך אזוי פשוט ארויסגעגליטשט פון זיין נעץ, וואו ער כאפט אריין אזויפיל מיידלעך היינטיגע צייטן. וואס מיינסטו? ער שטייט מיט פארלייגטע הענט און וועט דיך סתם ארויסלאזן? ער איז זייער קלוג און ער ווייסט אז א ברסלב׳ע מיידל ווייסט זיך צו היטן פון קוקן נישט שיינע זאכן, וועגן דעם דארף ער נוצן אנדערע וועגן.

טייערע.... איך בעט דיר זייער, לאז זיך נישט ווערן אריינגעכאפט פון דער יצר הרע׳ס טריק, ער האט געטון זייער א גוטע ארבעט דיך פרובירן צו צוברעכן, אבער דו ביסט שטערקער פון אים. **דו האסט דעם רבי׳ס מתנה פון תפילה; און רעד זיך אויס צום אייבערשטן, דערצייל אים אלעס וואס דער יצר הרע פרובירט צו טון מיט דיר** און בעט אז ער זאל דיך העלפן. דו זאלסט קענען פארגעסן וואס איז געווען, און און אנהייבן פון דאסניי.

זאלסט וויסן אז אזא נסיון ווי דו האסט געהאט, האט דער הייליגע רבי געהאט 1,000 מאל אין איין טאג! ער איז דורכגעפאלן און געווארן צובראכן און נאכדעם זיך געשטארקט אנצוהייבן פון יעצט אזוי איז געווען נאכאמאל און נאכאמאל...

וועגן דעם זאלסטו זיין זייער פריילך. די עיקר וואס דער יצר הרע פרובירט צו טון איז צו מאכן א מיידל זיין בעצבות, ווייל אזוי קען ער איר אריינכאפן צו טון עבירות. **אבער ווען א מיידל צווינגט זיך צו זיין פריילך אפילו עס קומט אן ביטער שווער, דעמאלטס קען דער יצר הרע איר גארנישט טון.**

צניעות איז זייער וויכטיג, איך האב הנאה אז דו גייסט אנגעטון צניעות׳דיג. די עיקר וואס מען דארף פאר צניעות איז א געפיל, און דעס אז דו ׳ווילסט׳ האבן א געפיל איז שוין א מורא׳דיגע מדריגה. אסאך היימישע, חסידישע ווייבלעך היינט האבן בכלל נישט די השגה צו ׳וועלן׳ גיין בצניעות, אדער אפילו צו וועלן האבן א געפיל פאר צניעות. דארפסטו זיך זייער פרייען און זיין שטאלץ. קלאפ זיך נישט אראפ, ווייל דעס איז די עצה פון דער יצר הרע, ער מאכט עצבות זאל אויסזעהן ווי א מצוה, ווייל איך בין טרויעריג אז איך וואלט געדארפט זיין מער צניעות׳דיג. אבער געדענק: עפעס וואס ברענגט צו עצבות אדער צו אנדערע שלעכטע מחשבות איז דאס נישט א מצוה, עס פירט צו די נישט ריכטיגע פלאץ.

**ווען א מיידל וויל זיין גוט, דארף עס קומען מיט שמחה און תפילה, נישט מיט שלעכטע געפילן און מרה שחורה.**

איך האב זייער הנאה פון דיך, און זאלסט וויסן אז איך לערן זיך אסאך פון דיך, פון דיין תמימות און ערליכקייט. דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט קענען זיין זייער פריילך, ועסטו בקרוב טרעפן דיין ריכטיגע זווג און האבן א שיינע לעבן, בעזרת ה׳!

מיט ליבשאפט,

## ספר המדות ווינקל

### אות אמונה חלק שני



טו. עַל-יְדֵי אֱמוּנָה נִתְיַשֵּׁב הַדַּעַת.

דורך אמונה קומט מען צו ישוב הדעת.

יז. מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן יַעֲלֶה עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ אֱמוּנַת תְּחִיַּת-הַמֵּתִים.

ווער עס קען נישט שלאפן זאל טראכטן אז ער גלייבט און תחיות המתים.

## רעסעפי

### No bake coconut balls



**1 stick margarine**

**2 c confectioners' sugar**

**3 c shredded coconut**

**2 oz. baking chocolate**

**Melt margarine in saucepan. Remove from heat. Add confectioners' sugar and coconut, mix well. Shape into balls. Drizzle with melted chocolate. Refrigerate.**

**נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!**



**א גוט שבת!**

זמן שבת: 5:29

זמן מוצש״ק: 6:58

**קוואל פון חיזוק**

212-444-9169

הערט א שיעור פון מרת לעזער אויף פורים....

2,9,2,4